**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/17/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 12.6 מיליאן דאלאר אין ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט גרענטס פאר נייע און באַרייכערטע עדזשוקעישען צענטערן**

***גרענטס פאר 11 קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס שטיצן נייע- אדער פארבעסערן עקזיסטירנדע ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען צענטערן אין קאמיוניטיס וואס דארפן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אין שוואכערע קאמיוניטיס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט מער פון 12.6 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 11 פראיעקטן צו באַרייכערן ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען אין קאמיוניטיס וועלכע זעהען די הערכסטע פארפעסטיגונג און קלימאט ווירקונגען. די פינאנצירונג שטיצט די קאנסטרוקציע פון נייע און פארבעסערטע עדזשוקעישען צענטערן אין קאמיוניטיס וואס דארפן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אין שוואכערע קאמיוניטיס (environmental justice and disadvantaged community, DAC) וועלכע וועלן העלפן אינספירירן מער ניו יארקער צו לערנען איבער די שוועריגקייטן וואס זייערע קאמיוניטיס שטייען אויס און וויאזוי זיי קענען האבן א פאזיטיווע השפעה.

"מיר בלייבן איבערגעגעבן צו צושטעלן די מיטלען וועלכע זענען נויטיג צו פארבעסערן די ענווייראמענטאלע, פובליק געזונטהייט און עקאנאמישע שוועריגקייטן וועלכע אפעקטירן שוואכערע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די נייע פינאנצירונג וועט דירעקט שטיצן לאקאלע באמיאונגען צו אויפשטעלן אדער אויסברייטערן ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען צענטערן וועלכע ציהען אריין ניו יארקער זיך צו באטייליגן אין לאקאלע פראגראמען צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן, פארבעסערן לופט קוואליטעט און העלפן בויען א ריינערע, גרינערע צוקונפט."

דער קאמיוניטי ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען צענטער ( Community Environmental Education Center) גרענט פראגראם ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס (Department of Environmental Conservation, DEC) אפיס פון ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט (Office of Environmental Justice, OEJ). ביז היינט, איז דאס די גרעסטע סומע פון פינאנצירונג וואס די DEC'ס OEJ האט ארויסגעגעבן אין סיי וועלכע איינצלנע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט גרענט געלעגנהייט, האבנדיג א באזונדערע באדייט נאכפאלגנדיג פעדעראלע שניטן צו ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט פראגראמען.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, Amanda Lefton (אמענדע לעפטאן), האט געזאגט,** "ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען הויבט זיך אן אויף די לאקאלע שטאפל, און די DEC איז שטאלץ צו פאראויס שטופן גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול)'ס שטיצע פאר ניו יארק'ס קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן צו פארמערן די אויפמערקזאמקייט איבער אונזער נאטורליכע וועלט, די דראאונגען וואס עס שטייט אויס און וויאזוי צו נעמען שריט וועלכע טרייבן פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. די איבער 12.6 מיליאן דאלאר וואס

ווערט פארטיילט דורך די DEC'ס ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען צענטערן גרענט פראגראם וועט העלפן פארמערן די אינטערעסע, אנטדעקונג און לערנען דורך ערפארונג וואס וועט באררייכערן די לעבנס פון באזיכער און פלעגן דעם קומענדיגן דור פון סביבה אפהיטונג שתדלנים. מיר זענען באגייסטערט צו זעהן די אייגנארטיגע פראגראמען וואס די ארגאניזאציעס וועלן צושטעלן פאר ניו יארקער."

די פאלגנדע פראיעקטן האבן באקומען פון די DEC'ס קאמיוניטי ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען גרענט פינאנצירונג:

- **Mott Haven Port Morris Community Land Trust: $2,500,000:** שטיצט קאנסטרוקציע פון די HEArts Center אין די סאוט בראנקס, בראנקס קאונטי. די צענטער וועט טראנספארמירן א חרוב'ע פראפערטי אין סיטי רעגירונג אייגנטום און וועט העלפן אויסברייטערן טרענירונג פאר ריינע דזשאבס דורך Green City Forces און ענווייראמענטאלע שתדלנות פון South Bronx Unites, בשעת'ן זיך באנוצן מיט גרינע בויאונג סטאנדארטן צו באפולמעכטיגן די קאמיוניטי.

- **Outstanding Renewal Enterprises Inc.: $1,972,575:** **די** Lower East Side Ecology Center (LESEC) וועט אויפבויען אן ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען צענטער, איין אקער גרויס, אין איסט ריווער פארק, ניו יארק קאונטי. די צענטער וועט אריינרעכענען א געביידע מיט 'פירערשאפט אין ענערגיע און ענווייראמענטאלע דעזיין' ( Leadership in Energy and Environmental Design, LEED) סערטיפיקאציע פאר פראגראמען און אדמיניסטראציע, און אזוי אויך גרינע פלעצער פאר ענווייראמענטאלע אינטערעסע, אנטדעקונג, עדזשוקעישען און אפהיטונג ארבעט.

- **Kites Nest, Inc.: $1,600,000:** שטיצט די ReGeneration Capital Project צו פארוואנדלען א צוויי-אקער-גרויסע שטח אויפן טייך ברעגע אין קאלאמביע קאונטי אין א קאמיוניטי קאמפלעקס פאר פרייהייטן-שטיצנדע עדזשוקעישען, יונגווארג פירערשאפט און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט.

- **Evergreen Cemetery Preservation Foundation: $1,543,700:** שטיצט קאנסטרוקציע פון א קאמיוניטי פארזאמלונג פלאץ אין קינגס קאונטי פאר אנדענקענדע געשעענישן און צו אפהאלטן חינוך'דיגע פראגראמען מיט א קאנצענטראציע אויף וויסנשאפט, די סביבה און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אין צוזאמענארבעט מיט די קאמיוניטי, וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס און אקאדעמישע ארגאניזאציעס.

- **Southampton Township Wildfowl Association: $1,200,000:** שטיצט די אויסברייטערונג פון די Quogue Wildlife Refuge Nature Center אין סופאָלק קאונטי צו אריינרעכענען פארמערטע פלאץ פאר עדזשוקעישען, צוגענגליכע אויסשטעלונגען, א באזונדערע קלאסצימער און באררייכערטע שטיגן פאר ווילדע באשעפענישן צו פארבעסערן ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען, סביבה אפהיטונג און צוגענגליכקייט פאר אלע באזיכער.

- **Chenango Greenway Conservancy: $1,103,275:** שטיצט די אפקויפונג פון 162 אקער פון אפענע שטח און געוועזענע פארם געביידעס צו אוועקשטעלן די West Hill Nature Center אין שענענגאָו קאונטי. די פראפערטיס וועלן איבערגעארבעט ווערן פאר סביבה אפהיטונג עדזשוקעישען, דרויסנדיגע פארוויילונג אקטיוויטעטן, באזיכער איינריכטונגען און פלאץ פאר קאמיוניטי ארגאניזאציעס.

- **Radix Ecological Sustainability Center: $859,039:** שטיצט די אפקויפונג פון פראפערטי נעבן די Radix Center אין אלבאני, אלבאני קאונטי, צו ערלויבן פאר די אויסברייטערונג פון עקזיסטירנדע גרינהאַוז און גארטן פראגראמען און צושטעלן נייע ווארקשאַפּ און לאבארעטאריע פלעצער.

- **Energy Justice Law and Policy Center: $694,595:** פינאנצירונג וועט שטיצן די קאנסטרוקציע פון די Center at Five Islands Park אין וועסטשעסטער קאונטי צו שטיצן ענווייראמענטאלע אפהיטונג ארבעט און קלימאט שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען אין ניו ראָושעל'ס DAC'ס. די צענטער וועט אפפערן עדזשוקעישען דורך ערפארונג, אנטדעקונג פון ים באשעפענישן און ארבעטסקראפט טרענירונג, און עס וועט דינען אלס די סאַונד שאָור געגנט'ס ערשטע שטאטישע ברעגע קלימאט גערעכטיגקייט איינריכטונג.

- **Schoharie River Center: $475,000:** שטיצט די פארוואנדלונג פון א ליידיגע פארק געביידע אין א עמיסיע-באלאנסירטע איינריכטונג וואס וועט צושטעלן STEM-באזירטע לערנען דורך ערפארונג פון אן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט בליק, געציהלט פאר לאקאלע יונגווארג. די צענטער וועט זיין די ערשטע פון די סארט אין סקענעקטעדי קאונטי.

- **Media Alliance, Inc.: $470,000:** שטיצט די פארוואנדלונג פון The Sustainable Land Arts Studio אין סקענעקטעדי קאונטי פון א חרוב'ע בודקע סטרוקטור אין די ארגאניזאציע'ס עסנווארג גערעכטיגקייט, קונסט און 'פערמא-קולטור' גארטן צו ווערן א פלאץ צו אינספירירן ענווייראמענטאלע אפהיטונג ארבעט דורך קונסט, אגריקולטור און שטאנדהאפטיגקייט עדזשוקעישען דורך ערפארונג.

- **Limeledge Botanical Garden and Arboretum: $272,982:** שטיצט ליימלעדזש'ס באן סיסטעם אויסברייטערונג און צוויי היסטארישע שייער סטרוקטור אויפרעכטונגען, זיי פארוואנדלען אין די Brookside Community Environmental Education Center אין ליימלעדזש, אָנאָנדאַגאַ קאונטי.

פינאנצירונג פאר די DEC'ס קאמיוניטי ענווייראמענטאלע עדזשוקעישען גרענט פראגראם ווערט צוגעשטעלט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע ( Environmental Protection Fund, EPF) אלס טייל פון ניו יארק'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר 2025-26 פארגרעסערט די EPF צו א רעקארד-הויכע 425 מיליאן דאלאר, העלפנדיג שטיצן ארבעט דירעקט אין שוואכערע קאמיוניטיס, ווי אויך אנדערע קריטישע ענווייראנמענטאלע פראגראמען ווי קויפן לאנד, באשיצן פארמלענד, פארמיידן און אויסראטן אריינדרינגנדע פרעמדע באשעפענישן, פארבעסערן צוטריט צו פארוויילונג געלעגנהייטן און פארבעסערן וואסער קוואליטעט.

די פראיעקטן ערגענצן אויך גאווערנער Hochul'ס (האקול) "[Get Offline, Get Outside](Get Offline, Get Outside)" (אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן) איניציאטיוו צו שטופן פאר פיזישע און גייסטישע געזונטהייט דורכן העלפן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס צו אראפלייגן זייערע טעלעפאנען און קאמפיוטערס, נעמען א פויזע פון סאָושעל מידיע און געניסן פון פארוויילונג און דרויסנדיגע געזעלשאפטליכע פארזאמלונגען.

מער אינפארמאציע איבער די DEC'ס אפיס פון ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט (OEJ) און פינאנצירונג געלעגנהייטן איז פארעפנטליכט אויף די [DEC'ס וועבזייטל](DEC'ס וועבזייטל).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן